# מגדים של זהב

**על דרך הפלפול והחידוד**

**שנת תשפ"ה - גליון קסב**

**ראש השנה**

בענין

**שתי עיירות באחת תוקעין ובאחת מברכין**

**קושיא מגמרא זו הן על שיטת הרמב"ם והן על שיטת הרשב"א - בענין ספיקא דאורייתא לחומרא**

## גמרא מסכת ראש השנה

די **גמרא** אין **מסכת ראש השנה** (לד, ב) ברענגט אראפ א ברייתא, ווי עס שטייט אזוי: **ומצוה בתוקעין יותר מן המברכין** - עס איז ענדערש צו זיין ציווישן 'תוקעין', ווי צו זיין ציווישען 'מברכין'. פרעגט די גמרא: **כיצד?** - פירוש וואס מיינט די ברייתא צו זאגן, וואס לכאורה האט עס נישט קיין פשט? איז די גמרא מסביר: **שתי עיירות, באחת תוקעין ובאחת מברכין - הולכין למקום שתוקעין, ואין הולכין למקום שמברכין** - פירוש: איינער וואס קען נישט בלאזן אליינס שופר, און אזוי אויך קען ער נישט דאווענען אליינס מוסף פון ראש השנה, און ער האט פאר זיך צוויי שטעט ווי ער קען גיין, און איין שטאט זענען דא דארטן מענטשן וואס קענען בלאזן שופר, אבער זיי קענען נישט דאווענען קיין מוסף, און אין די אנדערע שטאט איז דא מענטשן וואס קענען דאווענען מוסף אבער זיי קענען נישט בלאזן שופר, איז ענדערש אז ער זאל גיין צו די שטאט ווי מען באלזט דארטן שופר, און ער זאל נישט גיין צו די שטאט ווי מען דאווענט דארט מוסף. און דעס איז פשט 'מצוה בתוקעין יותר מן המברכין', דהיינו תקיעת שופר איז גרעסער ווי תפילת מוסף.

קומט די גמרא און פרעגט: **פשיטא! הא דאורייתא הא דרבנן!** - פירוש: וואס איז דער חידוש פון דער ברייתא אז 'תקיעת שופר' קומט פאר 'תפילת מוסף'. תקיעת שופר איז דאך א מצות עשה דאורייתא, און די חיוב צו זאגן מלכות זכרונות ושופרות איז דאך נאר א חיוב דרבנן, איז דאך א דבר פשוט, אז די מענטש דארף ענדערש מקיים זיין די מצוה דאורייתא ווי די מצוה דרבנן? ענטפערט די גמרא: **לא צריכא, דאף על גב דהא ודאי והא ספק** - פירוש: די חידוש פון די ברייתא איז אז אפילו אויף א אופן, וואס דער מצות עשה דאורייתא פון תקיעת שופר וועט זיין אין א מצב פון א 'ספק', און די מצוה דרבנן פון תפילת מוסף וועט זיין אין א מצב פון א 'ודאי', אפילו אזוי זאל ער גיין צו די פלאץ פון ספק תקיעת שופר און ער זאל נישט גיין צו די פלאץ פון ודאי תפילת מוסף. און ווי רש"י איז מסביר אז למשל דער מענטש איז זיכער ביי זיך אז די שטאט ווי מען דאווענט מוסף גייט ער 'זיכער' דארטן טרעפן דארט א מנין פון צעהן אידן מיט א בעל תפילה וואס גייען דאווענען דארט מוסף, און אים מוצא זיין מיט תפילת מוסף, און פון די אנדערע זייט איז ער נישט זיכער - ער האט א ספק - אז די שטאט ווי ער גייט גיין הערן תקיעת שופר, גייען זיי שוין האלטן נאך די תקיעות, און ער גייט נישט הערן תקיעת שופר, אפילו אזוי זאל ער גיין צו די 'ספק תקיעת שופר' וואס איז א מצות עשה דאורייתא, און ער זאל נישט גיין צו די 'ודאי תפילת מוסף' וואס איז נאר א מצוה דרבנן.

## ב' קושיות נפלאות על גמרא זו - הן על שיטת הרמב"ם והן על שיטת הרשב"א

עס איז ידוע די גרויסע מחלוקת ציווישען די **רמב"ם** און די **רשב"א** ווי אזוי מען לערנט אפ דער כלל פון **'ספיקא דאורייתא לחומרא'**. שיטת הרמב"ם איז אזוי ווי ער שרייבט אין הלכות טומאת המת פרק ט הלכה יב: **דבר ידוע שכל אלו הטומאות**

**וכיוצא בהן שהן משום ספק הרי הן של דבריהן, ואין טמא מן התורה אלא מי שנטמא טומאת ודאי אבל כל הספיקות בין בטומאות בין במאכלו' אסורות בין בעריות ושבתות אין להם אלא מדברי סופרים** - פירוש: די רמב"ם האלט, אז דער כלל פון ספיקא דאורייתא לחומרא איז, אז ביי יעדע ספק דאורייתא איז בעצם מן התורה גייט מען לקולא, דהיינו מן התורה איז נישט דא קיין ענין צו מחמיר זיין, דהיינו ביי א מצות לא תעשה זיך צוריק האלטן פון טוהן די איסור, און ביי א מצות עשה צו מחמיר זיין און טוהן די מצות עשה, נאר די רבנן זיי האבן מחמיר געווען און געזאגט אז מען דארף גיין לחומרא, און מחמיר זיין נישט צו טוהן דער 'ספק לא תעשה', און יא טוהן דער 'ספק מצות עשה', און ווי די רמב"ם שרייבט קלאר: ואין טמא מן התורה אלא מי שנטמא טומאת ודאי אבל כל הספיקות בין בטומאות בין במאכלות אסורות בין בעריות ושבתות אין להם אלא מדברי סופרים.

די **רשב"א** (תורת הבית הארוך בית ד, שער א) לעומת זה קריגט זיך אויף דער רמב"ם און ער האלט אז ספיקא דאורייתא לחומרא מיינט, אז די תורה אליינס האט געהייסן מחמיר געווען זיין ווען עס איז דא א ספק, און מן התורה איז ספיקא לחומרא, און ביי א ספק לא תעשה טאר מדאורייתא נישט טוהן דער לא תעשה, און ביי א ספק מצות עשה, מיז מען מדאורייתא טוהן דער מצות עשה.

קומען די אחרונים און פרעגן אז פון אינזער גמרא איז שווער, סיי אויף די שיטת הרמב"ם און סיי אויף די שיטת הרשב"א.

**הקושיא על הרמב"ם** - לכאורה איז זייער שווער, אויב 'ספיקא דאורייתא "מדרבנן" לחומרא', און מדאורייתא איז בכלל נישט דא קיין חיוב, אויב אזוי וואס ענטפערט די גמרא 'הא ודאי והא ספק', אויב דער מצוה פון תקיעת שופר איז א ספק, איז דאך נאר דא א ענין 'מדרבנן' צו מחמיר זיין, דהיינו עס איז נאר דא אויף דער מענטש יעצט א חיוב מדרבנן צו גיין מחמיר זיין און הערן שופר, איז פארוואס איז דעס מער עדיף ווי 'ודאי תפילת מוסף' וואס איז א דרבנן. דהיינו, לפי דער רמב"ם האט דער מענטש יעצט צוויי מצות מדרבנן אין פארנט פון זיך 1. איינס ספק תקיעת שופר 2. ודאי תפילת מוסף, איז פארוואס זאגט די ברייתא אז ער דארף גיין הערן שופר, וואס איז שטערקער די מצוה דרבנן פון ספק תקיעת שופר, ווי פון די מצוה דרבנן פון תפילת מוסף?

**הקושיא על הרשב"א** - לכאורה איז זייער שווער, אויב 'ספיקא דאורייתא "מן התורה" לחומרא' און ווען א מענטש האט א ספק תקיעת שופר מיז ער מדאורייתא גיין מקיים זיין די מצוה פון תקיעת שופר, איז לכאורה קומט אויס אז די גמרא האט גארנישט געגטפערט אויף די קשיא פון 'פשיטא', ווייל אפילו ביי א ספק דאורייתא איז דאך דא א חיוב מן התורה צו מקיים זיין די מצוה פון תקיעת שופר, איז הדרא קשיא לדוכתא, אז ווען א מענטש האט פארנט פון זיך א ספק מצות עשה דאורייתא פון תקיעת שופר, און א ודאי מצוה דרבנן פון תפילת מוסף איז 'פשוט' אז ער דארף מקיים זיין די ספק תקיעת שופר, ווייל דעס איז א דאורייתא - און לכאורה האט די גמרא גארנישט געגטפערט אויף די קשיא פון 'פשיטא', מיט דעם וואס די גמרא ענטפערט 'הא ודאי והא ספק'?

### תירוצו של המלא הרועים והמחצית השקל על הקושיא על הרמב"ם

די צוויי גרויסע גאונים דער **מלא הרועים**, און די **מחצית השקל** שרייבןביידע די זעלבע תירוץ אויף דער קשיא. וזה לשון המלא הרועים (ראש השנה שם): **נ"ב, ואף על גב דלדעת הר"מ ספיקא דאורייתא מדרבנן לחומרא, נמצא תרוייהו דרבנן, מכל מקום זה יש לו עיקר בתורה ועדיף**. און אזוי אויך שרייבט דער מחצית השקל (אורח חיים סימן תקצ"ה סק"א): **ואפילו להפוסקים דסבירא הו ספק תורה מן התורה לקולא, ומאי דקיימא לן ספק תורה לחומרא הוא מדרבנן, מכל מקום עדיף ספק תקיעות מודאי ברכות, אף על גב דשניהם דרבנן, מכל מקום התקיעות עיקרן דאורייתא.**

פירוש: דער מלא הרועים און דער מחצית שקל זענען מבאר אז אפילו דער ספק תקיעות מיט דער ודאי תפילת מוסף זענען ביידע מדרבנן, אפילו אזוי איז ענדערש צו מקיים זיין דער ספק תקיעות, וויבאלד דער ספק תקיעות האט דאך א 'עיקר מדאורייתא', דהיינו דער ספק תקיעות איז נישט קיין פשוט'ע דרבנן אזוי ווי תפילת מוסף וואס כל עיקר איז א חיוב מדרבנן, נאר עס איז אזא דרבנן וואס איז געבויעט צו יוצא זיין א מצוה דאורייתא, וועגן דעם איז דעס עדיף.

### תירוצו של השפת אמת על הקושיא על הרמב"ם

דער **שפת אמת** (בראש השנה שם) פארענטפערט שיטת הרמב"ם בדרך זו, און קודם איז ברענגט ער אראפ די קשיא וזה לשונו: **לכאורה יש להבין לשיטת הפוסקים דספיקא דאורייתא מן התורה לקולא, אם כן ספיקא דאורייתא הוי כמו ודאי דרבנן, אם כן מאי אולמא דמקום שתוקעין בספק ממקום שמברכין בודאי?** קומט די שפת אמת און שרייבט: **ונראה לי דמכאן ראיה למה שכתבתי במקום אחר לתמוה על דברי הר"ן בסוכה** (מ"ו ב) **דביום**

**טוב שני דלולב דרבנן ועדיין לא נטל לולב עד שהגיע בין השמשות דאין צריך ליטול עוד משום דהוי ספק דרבנן ואזלינן לקולא, דזה אינו - דכיון דודאי לא קיים המצוה שפיר, גם על הספק דשמא יעשה המצוה חייבוהו חכמים, ודוקא היכא דהוי ספק אי כבר עשה המצוה, אמרו דספיקא דרבנן לקולא כנ"ל ברור, ולפי זה הכא נמי כן הוא בספק כי האי אם ישמע שם התקיעה מחויב מן התורה לילך, אפילו אי נימא דספיקא דאורייתא לקולא מן תורה, מכל מקום שאני הכא דודאי לא עשה המצוה מחויב לעשות כל טצדקי ולילך שמא יקיים כמו לדידן בספק דרבנן ושפיר אמרינן דהולכין למקום שתוקעין, אבל לשיטת הר"ן קשה להפוסקים דספיקא דאורייתא מן התורה לקולא.**

פירוש: אין **מסכת סוכה** (מו, ב) ברענגט די גמרא א מחלוקת: **אמר רבי יוחנן אתרוג בשביעי אסור, בשמיני מותר** - פירוש: רבי יוחנן האלט אז א אתרוג די זיבעטע טאג סוכות [הושענא רבא] אפילו נאך מען האט מקיים געווען די מצוה פון נטילת לולב, איז אסור צו עסן די אתרוג, אבער 'שמיני' דהיינו שמיני עצרת, איז שוין מותר צו עסן די אתרוג. **וריש לקיש אמר אתרוג אפילו בשביעי נמי מותר** - ריש לקיש קריגט זיך אויף רבי יוחנן און ער האלט אז אפילו די זיבעטע טאג פון סוכות איז מותר צו עסן די אתרוג - נאך מען האט מקיים די מצוה.

קומט די גמרא דארט און איז מסביר די יסוד פון זייער מחלוקת: **במאי קא מפילגי, מר סבר למצותה אתקצאי, ומר סבר לכולי יומא אתקצאי** - פירוש: ריש לקיש וואס איז מתיר צו עסן די אתרוג די זיבעטע טאג סוכות האלט אז די אתרוג איז נאר 'מוקצה' פאר די מצוה פון נטילת לולב, און אויב אזוי איינמאל מען האט שוין מקיים געווען די אינטערשטע מאל די מצוה מיט די אתרוג אין סוכות, איז די אתרוג שוין מותר צו עסן. און רבי יוחנן האלט אז די אתרוג איז 'מוקצה' פאר א גאנצע טאג. און די הסבר (על פי פירושו של הר"ן להלן) איז ווייל רבי יוחנן האלט אז ווען א מענטש איז מייחד זיין אתרוג למצותו איז ער מקצה דער אתרוג פאר א גאנצע טאג - ווייל עס קען זיין אז ער גייט נישט יוצא זיין מיט די אתרוג גלייך אינדערפריי נאר שפעטער דורכ'ן טאג, וועגן דעם איז די אתרוג מוקצה אגאנצען טאג.

קומען די **ראשונים** דארטן אין מסכת סוכה און פרעגן, אויב איז די זיבעטע טאג מוקצה די אתרוג, וואלט לכאורה די אתרוג אויך געדארפט זיין אסור 'ביום השמיני', און דעס איז געבויעט אויף די באוויסטע כלל פון **'מגו דאיתקצאי לבין השמשות איתקצאי לכולי יומא'** - דהיינו, וויבאלד ביי די בין השמשות פון יום השמיני איז נאך די אתרוג אסור מכח די יום השביעי שבו, איז איינמאל עס איז געווען אסור בין השמשות של יום השמיני, דארף די אתרוג זענען מוקצה די גאנצע טאג פון יום השמיני מכח די כלל פון 'מגו דאיתקצאי לבין השמשות איתקצאי לכולי יומא'?

קומט די ר"ן דארט און ענטפערט: **ומשום הכי בשמיני מותרת דליכא למימר דמגו דאתקצאי לבין השמשות אתקצאי לכולי יומא משום דלבין השמשות גופיה לא איתקצאי שהרי בין השמשות אינו ראוי למצות אתרוג שאפילו לא נטל כל היום אינו נוטלו בין השמשות דכיון דלולב בזמן הזה מדרבנן בר מיום ראשון ובין השמשות ספיקא הוא וספיקא דרבנן לקולא** - פירוש: דער ר"ן קומט און ענטפערט א שיינער תירוץ, אז ביי די 'מוקצה' פון אתרוג זאגט מען נישט די כלל פון 'מגו דאתקצאי לבין השמשות אתקצאי לכולי יומא', וויבאלד די הלכה איז אז אויב איינער האט זיך דערמאנט במשך סוכות [חוץ יום טוב ראשון - וואס נטילת לולב איז מדאורייתא] ביי די צייט פון בין השמשות אז ער האט נישט גע'שאקלט קיין לולב, איז ער נישט מחויב צו שאקלן דעמאלטס קיין לולב, און די טעם איז וויבאלד נטילת לולב אין יום טוב סוכות חוץ די ערשטע טאג איז נאר א חיוב מדרבנן, און ביינאכט איז מען נישט מחויב מיט נטילת לולב, און אויב אזוי בשעת בין השמשות וואס איז א ספק לילה, איז דא דא א ספיקא דרבנן צו מען דארף שאקלען לולב צו נישט, און דער דין איז דאך אז 'ספיקא דרבנן לקולא', און אויב אזוי איז בין השמשות נישט קיין זמן חיוב פאר נטילת לולב. און אויב אזוי קומט אויס אז ביי די זמן בין השמשות של יום שמיני איז די אתרוג נישט 'מוקצה', וויבאלד מען איז נישט מחויב צו שאקלען דעמאלטס לולב, וועגן דעם ווערט נישט די אתרוג מוקצה ביום השמיני.

קומט די **שפת אמת** אין טענה'עט אויף דער ר"ן, אז אפילו די כלל איז אז 'ספיקא דרבנן לקולא', דעס איז דוקא אויף א אופן למשל ווען איינער האט א ספק אינמיטן טאג צו ער האט געשאקלט לולב אדער נישט, דעמאלטס זאגט מען ספיקא דרבנן לקולא און ער דארף נישט גיין שאקלן לולב. מה שאין כן, ווען איינער ווייסט 'זיכער' אז ער האט נישט גע'שאקלט קיין לולב, און ער איז נאר יעצט אין א מצב פון א ספק - דהיינו בין השמשות, צו ער גייט מקיים זיין די מצוה צו נישט אויב ער גייט יעצט טוהן נטילת לולב, איז אודאי אפילו מדרבנן זאגט מען ער זאל שאקלן לולב.

און די שפת אמת בהמשך דבריו (וכן כתב בחידושיו במסת שבת כב, א ד"ה בתוס' ד"ה אסור להתספק) ברענגט א שטארקע ראיה צו זיין יסוד פון א **תוספות** אין **מסכת שבת**, וזה לשון השפת אמת: **בעיקר דברי הר"ן הנ"ל מצאתי עוד ראיה מדברי התוספות בשבת**

(כא ב) **דאם לא הדליק קודם שתכלה רגל ידליק אחר כך מספק כיון דמשני הגמרא שינויא אחריני, מבואר דבמצוה דרבנן שבודאי לא קיים עדיין אפילו אי הוי ספק אי יקיים עתה מחויב מספק לעשותה והוא דלא כשיטת הר"ן הנ"ל** - פירוש: די גמרא אין מסכת שבת ביי די סוגיא פון חנוכה (כא, ב) פרעגט אויף רב און רב חסדא וואס האלטן אז **'כתבה'** - אויב די נר חנוכה האט זיך אויסגעלאשן פאר עס האט געברענט די שיעור פון א האלבע שעה, **'אין זקוק לה'** - דארף מען נישט צוריק אנצינדן די נר חנוכה. פרעגט די גמרא: **ורמינהו** - איך וועל די ברענגען א סתירה צו רב און רב חסדא פון א ברייתא, אין די ברייתא שטייט: **מצותה** - די מצוה פון הדלקת נר חנוכה איז: **משתשקע החמה עד שתכלה רגל מן השוק** - פון די סוף השקיעה [שהוא זמן צאת הכוכבים] ביז די זמן פון ווען די עוברים ושבים דרייען זיך מער נישט אויף די גאס. פרעגט די גמרא **מאי לאו, דאי כבתה הדר מדליק לה** - פירוש: פארוואס שרייבט די ברייתא אז די זמן איז פון 'משתשקע החמה עד שתכלה רגל מן השוק', צו דען וויל נישט די ברייתא לאזן הערן אז די נרות חנוכה מיזן ברענען די גאנצען צייט 'משתשקע החמה עד שתכלה רגל מן השוק', און דעס מיינט אז אויב די לעכט לעשט זיך אויס דארף מען עס צוריק אנצינדען - און אויב אזוי זעהט מען פון דער ברייתא אז 'כתבה זקוק לו'?

ענטפערט די גמרא: **לא!** - נישט דעס איז די כונה פון די ברייתא, נאר די כונה איז: **דאי לא אדליק - מדליק** - דהיינו, די ברייתא געט די זמן ביז ווען מען קען אנצונדען די נרות חנוכה, און דער זמן איז 'משתשקע החמה עד שתכלה רגל מן השוק' **ואי נמי** - אדער קען מען זאגן נאך א הסבר אין די ברייתא: **לשיעורה** - דהיינו די ברייתא געט די שיעור וויפוהל שמן מען דארף לייגן אין נרות חנוכה, און דעס איז די צייט פון 'משתשקע החמה עד שתכלה רגל מן השוק', אין אנדערע ווערטער, די ברייתא רעדט בכלל נישט וועגן 'כתבה זקוק לו', אדער 'כתבה אין זקוק לו', נאר די ברייתא רעדט דא פון א אנעדרע הלכה איגנאצען. אדער רעדט די ברייתא פון 'זמן הדלקת נר חנוכה' אדער רעדט די ברייתא פון די 'שיעור של שמן' וואס די נר חנוכה דארף האבן, און אויב אזוי איז נישט קיין קשיא פון דער ברייתא אויף שיטת רב ורב חסדא.

קומט **תוספות** דארטן און שרייבט: **דאי לא אדליק מדליק - אבל מכאן ואילך עבר הזמן, אומר הר"י פורת דיש ליזהר ולהדליק בלילה מיד שלא יאחר יותר מדאי** - פירוש: לפי דער תירוץ פון די גמרא 'דאי לא אדליק מדליק', קומט אויס אז די זמן פון צינדן די נרות חנוכה איז ביז 'שתכלה רגל מן השוק', און אויב אזוי דארף מען זיכער מאכן צו צינדן נרות חנוכה פאר דער זמן, וויל נאך דעם איז שוין נישט די זמן פון הדלקות נרות חנוכה, און מען איז נישט יוצא.

זאגט אבער תוספות: **ומכל מקום אם איחר ידליק מספק דהא משני שינויי אחרינא** - פירוש: אפילו איינער האט נישט אנגעיאגט צו צינדן נר חנוכה פאר די זמן פון 'שתכלה רגל מן השוק' אפילו אזוי זאל ער נאך אלץ צינדן נרות חנוכה 'מספק', ווייל די גמרא ענטפערט דאך א אנדערע תירוץ, און איז אנדערש מסביר די ברייתא, דהיינו אז די ברייתא קומט נאר זאגן די שיעור שמן וואס מען דארף לייגן אין די נרות חנוכה, און לפי דער תירוץ, רעדט די ברייתא בכלל נישט וועגן די 'זמן הדלקות נרות חנוכה, און אויב אזוי מעג מען יא צינדן די נרות חנוכה אפילו נאך די זמן פון שתכלה רגל מן השוק. און אויב אזוי - זאגט תוספות - וויבאלד אינז האבן דא א 'ספק' צו די זמן איז דוקא 'עד שתכלה רגל מן השוק' [די ערשטע וועג פון די גמרא], אדער די זמן איז אפילו נאר עד שתכלה [די צווייטע וועג פון די גמרא], וועגן דעם זאל מען יא צינדן נרות חנוכה מספק.

קומט די שפת אמת און פרעגט, לכאורה פארוואס דארף מען צינדן די נרות חנוכה נאך די זמן פון שתכלה רגל מן השוק, די מצוה פון נר חנוכה איז דאך נאר א מצוה מדרבנן, און די כלל איז דאך א ספיקא דרבנן לקולא? נאר על כרחך זעהט מען פון דעם תוספות אויף דער יסוד, אז ווען איינער איז אין א מצב אז ער האט נאך זיכער נישט מקיים געווען א מצוה, און די גאנצע ספק איז נאר, אויב ער קען נאך אין דער צייט מקיים זיין די מצוה אדער נישט, דעמאלטס זאגט מען נישט ספיקא דרבנן לקולא, נאר מען זאגט אז אפילו עס איז א דרבנן, זאל ער עס גיין טוהן.

מיט דער יסוד קומט דער שפת אמת און זאגט אז אינזער גמרא קען שטומען אפילו לשיטת הרמב"ם וואס האלט אז ספיקא דאורייתא מדרבנן לקולא, ווייל דא איז מען דאך אין א מצב וואס א מענטש האט נאך נישט געהערט תקיעת שופר, איז אודאי דארף ער טוהן אלעס כדי צו גיין הערן תקיעת שופר און מקיים זיין די מצות עשה של שופר, און דעס גייט נישט אריין אין די כלל פון 'ספיקא דאורייתא', ווייל ספיקא דאורייתא מיינט דוקא אויב די עצם דאורייתא איז אין א ספק, אבער אויב עס איז זיכער אז די דאורייתא האט ער נישט יוצא געווען, איז פשוט אז ער דארף אלעס טוהן צו הערן תקיעת שופר אפילו עס איז א ספק אויב ער גייט גיין צו יענע שטאט וועט ער הערן שופר - און אפילו אויף די חשבון אז אויף דעם גייט ער זיכער פארפאסן די תפילת מוסף וואס איז א ודאי

דרבנן - ווייל דא איז נישט דא קיין 'ספק דאורייתא' קעגן א 'ודאי דרבנן', נאר עס איז דא א 'ודאי דאורייתא' - וואס ער איז מסופק צו ער גייט מקיים זיין, קעגן א 'ודאי דרבנן', און זיכער איז די דין אז ער זאל זיכן צו מקיים זיין די מצוה דאורייתא.

און די שפת אמת שרייבט טאקע אז דער תירוץ איז נאר גוט לשיטתו, אבער '**לשיטת הר"ן קשה להפוסקים דספיקא דאורייתא מן התורה לקולא**'.

### תירוצו של הברכת אברהם על הקושיא על הרמב"ם

דער גרויסע גאון וזקן ויושב בישיבה **רבי אברהם ארלענגער זצ"ל** און זיין מפורסם'דיגע ספר **ברכת אברהם** (ראש השנה שם) שרייבט זייער א מסתבר'דיגע תירוץ אויף דער קשיא, וזה לשונו: **ראיתי בשפת אמת שתמה, למה נימא דספק דאורייתא עדיף מודאי דרבנן למאן דאמר דכל ספק דאורייתא רק מדרבנן לחומרא, אם כן זה מדרבנן וזה מדרבנן. ונראה דודאי יש מעלה לספק דאורייתא, שנוסף מה שמצווה מדרבנן מספק הרי יתכן שמרויח מצוה דאורייתא.**

פירוש: רבי אברהם קומט אויף מיט א בליץ פון א תירוץ, די גאנצע קשיא איז דאך געבויעט אז אויב מען האלט אז ספיקא דאורייתא מדרבנן לקולא, אויב אזוי האט מען דא בעצם צוויי דרבנן'ס וואס מען דארף מקיים זיין: 1. ספק תקיעת שופר, 2. תפילת מוסף, און אויב אזוי איז שווער פארוואס זאגט די גמרא אז מען דארף גיין טוהן די דרבנן פון ספק תקיעת שופר, און נישט די דרבנן פון תפילת מוסף - דהיינו מאי אולמיה האי מהיא? זאגט רבי אברהם, אז בעצם איז דא ביי די דרבנן פון ספק תקיעת שופר א מעלה נוספת מער ווי די דרבנן פון תפילת מוסף, ווייל ווען ער גייט מקיים זיין די מצוה דרבנן און גיין מדרבנן צו די שטאט ווי עס איז דא תקיעת שופר, קען אויך זיין אז ער גייט מרויח זיין אויך א מצות עשה דאורייתא, דהיינו אפשר גייט מען האלטן דארטן פאר תקיעת שופר, און ער גייט האבן פארדינט אויך די מצות עשה דאורייתא פון תקיעת שופר[1]. מה שאין כן ביי די תפילה פון מוסף, ווען ער וועט גיין צו דער שטאט ווי מען דאווענט מוסף וועט ער נאר מקיים זיין די מצוה דרבנן פון תפילת מוסף, וועגן דעם זאגט די גמרא אז מען זאל ענדערש גיין צו די שטאט ווי מען גייט בלאזן שופר, וואס ער קען אויף מרויח זיין א מצות עשה דאורייתא, און נישט צו די שטאט ווי מען גייט דאווענן מוסף.

### תירוצו של המאורי אור על הקושיא על הרשב"א

דער גאון **רבי אהרן ווירמש זצ"ל** (תלמידו של השאגת אריה) אין זיין ספר **מאורי אור (ראש השנה שם)** ענטפערט אויף די קשיא וואס מען פרעגט אויף די רשב"א, וזה לשונו: **תמהני להרשב"א דסבר ספק דאורייתא לחומרא מדאורייתא, הכי נמי פשיטא. וי"ל, הכא בעם הארץ שאינו יודע להתפלל, והוי תפילה נמי אסמכתא דאורייתא כמו שכתב הרמב"ם, וקא סלקא דעתך שדוחה ספק תרועה אף דנכתב להדיא** - פירוש: דער מאורי אור ברענגט אראפ די באוויסטע **שיטת הרמב"ם** וואס שרייבט אין הלכות תפילה (פרק א הלכה א): **מצות עשה להתפלל בכל יום, שנאמר ועבדתם את ה' אלהיכם, מפי השמועה למדו שעבודה זו היא תפלה שנאמר ולעבדו בכל לבבכם אמרו חכמים אי זו היא עבודה שבלב זו תפלה, ואין מנין התפלות מן התורה, ואין משנה התפלה הזאת מן התורה, ואין לתפלה זמן קבוע מן התורה** - פירוש: דער רמב"ם האלט אז די מצוה פון תפילה איז בעצם א 'דאורייתא', אבער פינטקליך וואס און ווען צו דאווענען דעס איז זאכן וואס זענען נאר מדרבנן, אויב אזוי, קומט אויס ביי אינזער גמרא רעדט מען דאך פון אן עם הארץ וואס קען נישט אליינס דאווענען, והא ראיה ער זוכט א שטאט ווי דארט דאווענט מען מוסף כדי ער זאל קענען יוצא זיין מיט די בעל תפילה, און אויב אזוי איז דאך פאר דער מענטש די ענין פון תפילה אויך א שטיקל ענין דאורייתא, און אויב אזוי ווען די גמרא זאגט אז מען זאל ענדערש גיין צו די מקום ספק דהיינו די פלאץ פון תקיעת שופר, און נישט צו די פלאץ ווי מען גייט ודאי דאווענען, איז די תירוץ פון די גמרא א 'חידוש' אז די דאורייתא פון די ספק פון תקיעת שופר איז ענדערש ווי די דאורייתא וואס דער מענטש האט פון תפילה.

### תירוצו של המהרי"ל דיסקין על הקושיא על הרשב"א

דער גרויסע גאון און רבן של ישראל דער **מהרי"ל דיסקין זצ"ל** האט געענטפערט אויף דער קשיא וואס איז דא אויף דער רשב"א מיט א נייער יסוד וואס ער האט מחדש געווען אין 'ספיקא דאורייתא מן התורה לחומרא'. דער יסוד האט דער מהרי"ל דיסקין געזאגט פאר דער גרויסע גאון וקדוש און שר התורה **רבי גרשון חנוך העניך ליינער זצ"ל** מאיזביצא דער 'בעל התכלת', ווי ער ברענגט אין זיין ספר **עין התכלת** (אות מא) ווי דער בעל התכלת ברענגט אראפ זיין פסק וואס ער האט

[1] ובמילים אחרות: די מצוה דרבנן פון ספק תקיעת שופר איז די עצם זאך אז די מענטש דארף מחמיר זיין און גיין צו די שטאט ווי מען בלאזט, דהיינו, ברגע וואס ער גייט צו דער שטאט האט שוין מקיים געווען די מצוה פון די דרבנן אז ער האט מחמיר געווען אויף א מצוה דאורייתא. ובנוסף צו דעם איז יתכן אז ער גייט פארדינען אויך די עצם מצות עשה דאורייתא פון תקיעת שופר. והבן.

געשריבן אין זיין ספר **פתיל תכלת** אז אפילו עס איז דא וואס טענה'נען אז דער תכלת וואס ער האט געטראפן איז נישט די ריכטיגע תכלת, אפילו אזוי מכח ספק דארף מען גיין מיט דער תכלת, ווייל ספיקא דאורייתא לחומרא, וזה לשונו: **במה שכתבנו במאמרנו** (פתיל תכלת עמוד קח) **וממילא שהנמנע מלהטיל התכלת בציציותיו הוי ליה מבטל המצות עשה של התכלת בידים בלא אונס, כי באמת משום ספק מחויב הוא להטיל התכלת דספיקא דאורייתא לחומרא יעו"ש** - דהיינו, דער בעל התכלת טענה'עט אז אפילו מען וועט זאגן אז עס איז נאר א ספק צו זיין תכלת איז די ריכטיגע תכלת אדער נישט, אפילו אזוי מכח 'ספיקא דאורייתא' דארף מען גיין מיט תכלת,

שרייבט דארט דער בעל התכלת: **הנה שמענו בזה בשם אחד המפורסם לגדול ומקובל ומעוטר בכתר הרבנות באחת העיירות הגדולות, שדחה דברינו כלאחר יד, דעד כאן לא אמרינן ספיקא לחומרא אלא היכא שעל ידי שיחמיר על עצמו יתקן את עצמו שיצא בבירור מכלל הספק, כגון ספק איסור במצות לא תעשה כשמונע עצמו מלאכול או לעשות שום דבר מחמת ספק מתקן עצמו, שעל ידי זה יצא מן הספק שבבירור לא עבר על גזרתו יתברך, או ספק חיוב ופטור במצות עשה כגון ספק קרא קריאת שמע ספק לא קרא קריאת שמע דבמה דחוזר וקורא יוצא בבירור מידי ספק ממה נפשך, אבל היכא שיש עליו חיוב ודאי, שיהיה מחיוב לעשות מעשה, שעל ידי מעשה זו יהיה בספק אם נפטר מחיובו לא אמרינן, דכיון שאין תיקונו מבורר על ידי עשיית מעשה מעשה זו, ועדיין נשאר בספק לעולם אם נפטר מידי חיובו בזה אינו מחיוב להחמיר מספק. זה תורף דבריו.**

פירוש: דער בעל התכלת ברענגט אראפ 'בשם אחד המפורסם לגדול ומקובל ומעוטר בכתר הרבנות באחת העיירות הגדולות' וואס האט גע'טענה'עט אויף דער בעל התכלת, אז עס איז נישט דא קיין שום ענין צו מחמיר זיין מספק צו גיין מיט תכלת. און די טעם איז, ווייל דער גאנצע ענין אז 'ספיקא דאורייתא לחומרא', איז נאר געזאגט געווארן אויף א אופן וואס אויב גייט מען 'מחמיר' זיין גייט מען ארויס גיין פון דער 'ספק'. ווי למשל ביי א מצות לא תעשה, אויב איינער האט א שטיקל פלייש וואס איז א 'ספק נבילה', איז דא א חיוב צו מחמיר זיין און נישט עסן די נבילה, און דורך וואס ער האט מחמיר געווען אויף דער ספק איז ער 'זיכער' ניצל געווארן פון די איסור, און אזוי אויך ביי א ספק מצות עשה, ווי למשל ווען איינער האט א ספק צו ער האט געליינט קריאת שמע אדער נישט, זאגט מען אים: זיי מחמיר און ליין קריאת שמע, און אזוי קומט אויס אז נאך וואס ער האט מחמיר געווען 'מספק' האט ער 'זיכער' יוצא געווען קריאת שמע. מה שאין כן, ביי אזא סארט ספק וואס אפילו ער גייט מחמיר זיין גייט עס נאך אלץ בלייבן א ספק דארט זאגט מען נישט 'ספיקא דאורייתא לחומרא', און וועגן דעם לגבי די ענין פון תכלת, איז נישט דא קיין שום ענין צו מחמיר זיין און לייגן תכלת, אפילו עס איז א 'ספק דאורייתא' אז אפשר איז דער תכלת פון דער בעל התכלת די ריכטיגע תכלת, ווייל אפילו נאכ'ן לייגן די תכלת בלייבט נאך די ספק אלץ ספק, אז אפשר איז דער תכלת נישט די ריכטיגע תכלת.

ווער איז געווען דער 'אחד המפורסם', און פון ווי האט געגומען דער יסוד אין 'ספיקא דאורייתא', קומט דער גרויסע גאון ופוסק **רבי משה שטרנבוך שליט"א** אין זיין ספר **שו"ת תשובות והנהגות** (חלק ד, סימן קמד) און שרייבט אז דעס איז געווען דער מהרי"ל דיסקין, און זיין יסוד האט ער געגומען פון אינזער גמרא, אז לכאורה איז שווער פון אינזער גמרא אויף דער שיטת הרשב"א אז ספיקא דאורייתא מן התורה לחומרא, ווייל אויב מן התורה דארף מען גיין לחומרא בלייבט נאך אלץ שווער די קשיא פון 'פשיטא' אפילו נאך די תירוץ פון די גמרא 'הא ודאי והא ספק', אלא על כרחך - זאגט דער מהרי"ל דיסקין - זעהט מען פון דא אז אויב די ספק גייט בלייבן ספק אפילו נאך מען גייט מחמיר זיין זאגט מען נישט די כלל פון ספיקא דאורייתא לחומרא, און דא ביי ספק תקיעת שופר איז די זעלבע זאך, אפילו נאך מען גייט מחמיר זיין אז מען דארף גיין צו די פלאץ פון תקיעת שופר, בלייבט נאך אלץ די ספק צו ער גייט הערן תקיעת שופר צו נישט, און אויף אזא פאל קומט נישט אריין די כלל פון ספיקא דאורייתא לחומרא, און וועגן דעם איז נישט שווער אויף די רשב"א.[2]

---

[2] ובאמת לפי זה גם לא קשה על הרמב"ם. וק"ל.

להערות והארות או לקבלת הגליון אפשר לפנות להמייל: mgudim1044@gmail.com